בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶרְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון כ"ג

פרשת עקב תשפ"ג

## שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

פַּרְשַׁת שְׁלַח, שְׁנַת תשפ"ג -קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

## • חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת שְׁלַח שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### דִי זֶעלְבֶּע טִיטְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַז מִיר קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן טִיטְל וָואס מֶען בַּאטִיטְלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען בֶּעט יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה: **וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ, וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ**, אוּנְז, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און אוּנְזֶערֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, **וְצֶאֱצָאֵי עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל**, און אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ, וְלוֹמְדֵי תוֹרָתְךָ לִשְׁמָהּ**, זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, **בָּרוּךְ אַתָּה ה'**, גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער, **הַמְלַמֵּד תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל**, וָואס דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

זֶעט מֶען וִוי מֶען בַּאטִיטְלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם טִיטְל: 'מְלַמֵּד', מִיר טְרָאגְן אוֹיךְ דֶעם טִיטְל, סַיי דִי מְלַמְּדִים און סַיי דִי לֶערֶערִינְס, אַלֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען לֶערְנְט אִידִישְׁקֵייט און מִצְוֹת מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### אַן אַרְבֶּעט וָואס מֶען נֶעמְט מִיט

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צֶען שֵׁיינֶע חֲדָשִׁים, מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט בַּיים סוֹף יָאר, בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי יָאר אַפָּאר חֲדָשִׁים אַרוּם, און אִין שׁוּלֶע שְׁטֵייט מֶען אִין דִי לֶעצְטֶע וָואךְ, זוּמֶער הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ פְרִישֶׁע צַייט אַן אַנְדֶערֶע סֶדֶר, אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, מִיט פְרִישֶׁע לֶערֶערִינְס; דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עוֹסֵק זַיין אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

זַיין אַ מְלַמֵּד און אַ לֶערֶערִין אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, עֶס אִיז אַ גוּטֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער עֶס אִיז אָן אַרְבֶּעט וָואס בְּלַייבְּט, עֶס אִיז אָן אַרְבֶּעט וָואס מֶען נֶעמְט מִיט. וֶוער עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט, וֵוייסְט וִוי שְׁוֶוער מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן, יֶעדֶער אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער; יֶעדֶער מֵיינְט אַז נָאר 'אִיךְ' אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, און 'יֶענֶעם' גֵייט גְרִינְגֶער, בַּיי יֶענֶעם אִיז בֶּעסֶער. עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט אִינְגֶעלַייט און עֶלְטֶערֶע זֶע אִיךְ וִוי יֶעדֶער קְרֶעכְצְט וִוי שְׁוֶוער מֶען אַרְבֶּעט. יֶעדֶער אַרְבֶּעט מִיטְ'ן סָפֵק צִי מֶען וֶועט מַאכְן גֶעלְט, און אַ סָפֵק סְפֵיקָא צִי דִי גֶעלְט וֶועט זִיךְ הַאלְטְן, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז עֶס אִיז אַ זִיכֶערֶע פַּארְדִינְס, עֶר נֶעמְט דָאס מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

### אַלֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס צוּ וִויסְן און גְלֵייבְּן, אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר קִינְדֶער, אִיז אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט, עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס טוּט אוֹיף. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶען אַרְבֶּעט, מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ, מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל, און זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיס, דַארְף מֶען וִויסְן און גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אַלֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵיי, נָאר מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי פֵּירוֹת.

אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען פְלַאנְצְט אַיין אִין דֶער עֶרְד, זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט אִין אָנְהוֹיבּ, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶען אַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט, אָבֶּער סוֹף יָאר קוּמְט אַרוֹיס שֵׁיינֶע פְרוּכְט, שֵׁיינֶע תְּבוּאָה, דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער קוּמְט עֶס אוֹיךְ אַרוֹיס צוּם סוֹף, בַּיי קִינְדֶער קוּמְט עֶס אַרוֹיס שְׁפֶּעטֶער פוּן סוֹף יָאר, עֶס גֶעדוֹיֶרְט נָאךְ אַפָּאר יָאר, אָבֶּער וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן עֶלְטֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּזַאם אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס, און אַזוֹי קֶען עֶר בּוֹיעֶן וַוייטֶער זַיין לֶעבְּן.

אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְצֵיילְן זֵיי פוּן זֵייעֶר יוּגְנְט, אַז 'דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיךְ פַּארְשֶׁעמְט, און דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיךְ וֵויי גֶעטוּן, און דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיךְ גֶעשְׁלָאגְן, און דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט בְּלוֹי און שְׁוַוארְץ וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטַייטְלְט; און יֶענֶע יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין מִיר דִי זַאךְ פוּן קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, און וֶועגְן דֶעם קוּשׁ אִיךְ עַד הַיּוֹם דִי מְזוּזָה; און אִין כִּתָּה ה' הָאט מַיין מְלַמֵּד מִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אַרְבֶּעט, דִי טַייטְשׁ, דִי אוֹיסְשְׁטֶעל פוּן דִי בְּרָכוֹת, וואוּ מֶען בִּיקְט זִיךְ, וואוּ מֶען טְרֶעט אוֹיס און אַרַיין, אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיס קוּקְן; און דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי מֶען טוּט דִי מִצְוָה, דֶער מִנְהָג'.

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער צֶען פוּפְצְן יָאר, דֶער אִיד קוּשׁ יֶעדֶעס מָאל דִי מְזוּזָה, עֶר דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, עֶר הָאט אִינְזִין דִי בְּרָכוֹת, עֶר וֵוייסְט אַז דָא בִּיקְט מֶען זִיךְ, דָא טְרֶעט מֶען אַרוֹיס און דָא טְרֶעט מֶען אַרַיין און אַז מֶען קוּקְט נִישְׁט אַרוֹיס, און וִוי אַזוֹי מֶען טוּט דֶער מִצְוָה און דֶער מִנְהָג. וֶועט מֶען צוּגֵייין צוּ זַיינֶע מְלַמְּדִים פְרֶעגְן צִי זֵיי גֶעדֶענְקֶען וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, פוּן מִצְוֹת און מִנְהָגִים, וֶועלְן זֵיי זָאגְן אַז זֵיי גֶעדֶענְקֶען גָארְנִישְׁט פוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט און וָואס זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט, אָבֶּער דֶער קִינְד גֶעדֶענְקְט עֶס! דֶער מְלַמֵּד אִיז צֶעבְּרָאכְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט אַלְס אוֹיף.

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן און מֶען דַארְף דָאס חַזֶרְ'ן, אַז וָואס אַ מְלַמֵּד און לֶערֶערִין רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, גֵייעֶן דִי וֶוערְטֶער אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער. יֶעצְט זֶעט מֶען עֶס נִישְׁט, וַוייל יֶעצְט בִּין אִיךְ אַ קִינְד, יֶעצְט וִויל אִיךְ שְׁפִּילְן, יֶעצְט בִּין אִיךְ נָאךְ פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן און עֶס נֶעמְט צַייט וִוילַאנְג אִיךְ וֶועל עֶס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אָבֶּער עֶס גֵייט אַרַיין.

### דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט

אוֹיבּ אַ קִינְד פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף גוּט, עֶר טְשֶׁעפֶּעט, עֶר טְרֶעט אוֹיף אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אָדֶער בַּארֶעדְט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין דֶערְוַואקְסְן,

‹‹‹

# שִׁעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת שְׁלַח, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

מִיר זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער, אוּן מִיר זֶענֶען אוֹיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, מִיר הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גוּטֶע מִדּוֹת אִין זִיךְ, מִיר בַּארֶעדְן אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן, מִיר קֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְלַיידְן אַנְדֶערֶע, מִיר קֶענֶען אוֹיךְ אַמָאל וֵוי טוּן אַנְדֶערֶע, אִיז דָאךְ כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן קִינְדֶער!

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען, אַ קִינְד וָואס טְשֶׁעפֶּעט אָדֶער טְרֶעט אוֹיף אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ פוּן זָאגְן "דֶער קִינְד אִיז שְׁלֶעכְט", אַ מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין וָואס קוּקְן אָן אַ קִינְד "שְׁלֶעכְט" זָאל עֶר מוֹחֵל זַיין אוּן אַהֵיים גֵיין... אַ קִינְד אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אַז עֶר טוּט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף הַיינְט אַז דֶער קִינְד הָאט שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען מִיט מִלְחָמוֹת קֶעגְן גֶעוִויסֶע פַּארְטֵייעֶן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט טוֹישְׁן דֶעם אִידִישְׁן פָאלְק, [מֶען רֶעדְט נִישְׁט קֶעגְן מַשְׂכִּילִים, מַשְׂכִּילִים זֶענֶען שׁוֹין אִינְגַאנְצְן מִינִים וְאֶפִּיקוֹרְסִים, אוֹיף זֵיי קֶען מֶען רֶעדְן אָפְּן], הָאבְּן גֶערֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף קֶעגְן דִי פַּארְטֵייעֶן, פְלֶעגְן זֵיי זָאגְן אַז זֵיי רֶעדְן נִישְׁט שַׁארְף אוֹיף דֶער 'מֶענְטְשׁ', זֵיי רֶעדְן שַׁארְף אוֹיף 'דֶער שֵׂכֶל', 'דֶער שִׁיטָה' וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט קִינְדֶער, אַ קִינְד אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, נָאר זַיין נַאטוּר אִיז שְׁוֶוער.

אִיז וָואס זָאל מֶען טוּן מִיט אַזַא קִינְד? - מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ אִים פוּן גוּטֶע מִדּוֹת, פוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוּן אַז דֶער קִינְד בַּאעַוְלָה'ט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, עֶר אוּנְטֶערְדְרוּקְט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, [אִין אַמֶערִיקֶע רוּפְט מֶען עֶס 'בּוּלִיאִינְג'], דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי גַאנְצֶע קְלַאס זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוּנְטֶערְדְרוּקְט פוּן דֶעם קִינְד, מֶען דַארְף אִים שׁוֹין קַנְסְ'עֶנֶען.

### גֶעבְּן אַ צוּ-נָאמֶען פַאר אַ קִינְד

מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעבְּן אַ צוּ-נָאמֶען פַאר אַ קִינְד, וִוי **"דוּ בִּיסְט אַ טְשֶׁעפְּנְיַאק"**, אֵיינֶער וָואס נִיצְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער מוּז אַהֵיים גֵיין.

לֵיידֶער לֵיידֶער זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס נִיצְן אַזֶעלְכֶע סָארְט וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ; מֶען טָאר נִישְׁט. צוּם בֵּייְשְׁפִּיל, אַ קִינְד וָואס הָאט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט, מֶען דַארְף טוֹישְׁן דֶעם קִינְד, אוּן דֶער קִינְד לָאזְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר וַוארְפְט זִיךְ אוֹיפְ'ן בֶּעט, טָאר מֶען נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוֹיפְ'ן קִינְד: **"דוּ בִּיסְט אַ פַארְשְׁמִירְט קִינְד"**, **"דוּ בִּיסְט פֶּעכִי"**, **"דוּ בִּיסְט עֶקְלְדִיג"**, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג? אִיךְ בִּין אַ קִינְד, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוען מֶען דַארְף גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא, אוּן דִי מַאמֶע אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַזוֹי וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד. מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין: **"הָאסְט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ עֶס גֶעטוּן? מֶען טָאר עֶס נִישְׁט טוּן"**.

### רֶעדְן פוּן גוּטֶע מִדּוֹת

דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'גוּטֶע מִדּוֹת', מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג רֶעדְן פוּן גוּטֶע מִדּוֹת, פוּן טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן. דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ!

גְרֵייט אַייךְ אָן מַעֲשִׂיּוֹת וָואס רֶעדְן פוּן גוּטֶע מִדּוֹת. מֶען קֶען אַלֵיינְס לֵיינֶען מַעֲשֶׂה בִּיכֶער אָדֶער קֶען מֶען זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן דֶערְצֵיילְט עֶס פַאר דִי קִינְדֶער. קִינְדֶער הֶערְן עֶס אוֹיס, קִינְדֶער שְׁלִינְגֶען יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי.

דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שלט) וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב? בְּרֶסְלֶב אִיז אוֹתִיּוֹת 'לֵב בָּשָׂר', אַ וֵוייכֶע הַארְץ, עֶס אִיז דָא אַ 'לֵב אֶבֶן', אַ פַארְשְׁטֵיינֶערְטֶע הַארְץ, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ 'לֵב בָּשָׂר', אַ וֵוייכֶע הַארְץ פַאר אַנְדֶערֶע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.) אַז דִי אִידְן הָאבְּן דְרֵיי סִימָנִים: **"רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִין, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים"**, אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַ אִיד אִיז 'גּוֹמְלֵי חֲסָדִים', אִיךְ טוּ גוּטְס פַאר אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ טוּ חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן מַיין וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן. דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ פוּן דִי אִידִישֶׁע פָאלְק אַז מֶען טְרַאכְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ צְוֵוייטְן, אוּן מֶען גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן.

## חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה •

וֶוען מֶען רֶעדְט מוּסָר דִירֶעקְט, הֶערְט מֶען נִישְׁט אוֹיס, דִי קִינְדֶער וֶועלְן וַוייטֶער זַיין פַארְנוּמֶען מִיט 'אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט', 'עֶר אִיז גֶערֶעכְט', 'עֶר הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט', 'עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען'... אָבֶּער אַז מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה קֶען מֶען כַאפְּן זֵייעֶר הַארְץ. מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קִינְד וָואס מֶען הָאט אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין חֵדֶר, יֶעדֶע נַאכְט פְלֶעגְט עֶר וֵויינֶען אִין בֶּעט, נָאכְדֶעם וֶוען אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף.

### רֶעדְן מִיט וֵוייכֶע וֶוערְטֶער

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אִין שׁוּלֶע דַארְפְן דִי לֶערֶערִינְס אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ שְׁטַארְק פוּן עוֹנְשִׁים, וַוייל אוֹיבּ מֶען נֶעמְט עֶס נִישְׁט גוּט אוֹיף, הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלוֹינְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ. אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת יט, ג): **"כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב, וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל"**; 'בֵּית יַעֲקֹב' דָאס מֵיינְט מֶען דִי פְרוֹיעֶן, אוּן 'בְּנֵי יִשְׂרָאֵל' דָאס מֵיינְט מֶען דִי מֶענֶער, בַּיי דִי 'בֵּית יַעֲקֹב' שְׁטֵייט אַ לָשׁוֹן: **"תֹאמַר"**, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מְכִילְתָּא דִּבְחֹדֶשׁ, סִימָן ב; שַׁבָּת פז.): **"בַּאֲמִירָה רַכָּה"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל רֶעדְן צוּ דִי פְרוֹיעֶן מִיט וֵוייכֶע וֶוערְטֶער, אוּן בַּיי 'בְּנֵי יִשְׂרָאֵל' שְׁטֵייט **"וְתַגֵּיד"**, אַ שַׁארְפֶע לָשׁוֹן, פַאר זֵיי זָאל עֶר זָאגְן אַלֶע עוֹנְשִׁים וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען הִיט נִישְׁט דִי תּוֹרָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ תַּלְמִידוֹת.

עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען רֶעדְן, אִין יְשִׁיבָה רֶעד אִיךְ אַסַאךְ מָאל צוּ דִי בָּחוּרִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן שַׁארְף, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ וֶועג - וָואס דָאס דַארְפְן דִי לֶערֶערִינְס נִיצְן - צוּ רֶעדְן אַבִּיסְל מֶער וֵוייך, מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גֶעפִיל, פוּן אַוֶועק גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט צוּרִיק אַסַאךְ גוּטְס פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס פִירְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִדּוֹת ■

# חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## "גוּטֶע עֶלְטֶערְן" •

### דִי פִּיפְּטֶע נְקוּדָה, "גוּטֶע עֶלְטֶערְן"

טַייעֶרֶע חָשׁוּבְ'עֶ עֶלְטֶערְן; גוּטֶע עֶלְטֶערְן מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער אַלֶעס טוּן, אוּן מֶען גֶעבְּט זֵיי אַלֶעס נָאךְ, אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ אֵייבִּיג אָן פַאר דִי קִינְדֶער, לְמָשָׁל וֶוען אַ קִינְד זָאגְט: **"דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר"**, זָאגְט מֶען אַז מֶען דַארְף אַרוֹיס נֶעמֶען דָאס קִינְד פוּן דֶעם חֵדֶר, אָדֶער אַרִיבֶּער לֵייגְן צוּ אַ נֵייעֶר מְלַמֵּד, גוּטֶע עֶלְטֶערְן מֵיינְט וָואס טְשֶׁעפֶּען נִישְׁט אוּן צֶעבְּרֶעכְן נִישְׁט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט מִיאוּסֶע וֶוערְטֶער, וִוי: **"דוּ גְרָאבֶּער"**, **"בִּיסְט אַ שְׁלָאךְ"**, **"דָאנְקִי"**, **"דָאמִי"**.

### גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט

עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שֵׁיינֶע נֵייעֶ וָוארְט צְוִוישְׁן עֶלְטֶערְן, אַז **"מֶען דַארְף גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט [אִין עֶנְגְלִישׁ רוּפְט מֶען עֶס 'לָאווּ'] פַאר דִי קִינְדֶער"**; 'לִיבְּשַׁאפְט' מֵיינְט נִישְׁט כַאפְּן בִּילְדֶער יֶעדֶע מִינוּט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיינִיג, דִי הוֹיז זָאל זַיין אֵיינִיג מִיט דִי קֶערִידְזְשׁ, דִי קֶערִידְזְשׁ צוּ דִי טַאשְׁקֶע (פַּאקֶעט בּוּק), דִי טַאשְׁקֶע צוּ דִי קְלֵיינֶע בּוּצֶעס, אוּן דִי בּוּצֶעס צוּ דִי - אִיךְ וֵוייס וָואס... דָאס אִיז אַלֶעס הֲבֵל הֲבָלִים. אַ גוּטֶע מַאמֶע וֶוערְט מֶען אוֹיבּ מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ זֵיי, מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען צֶעבְּרֶעכְט זֵיי נִישְׁט, אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק זֵייעֶר מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִינְס.

### מֶען מֶעג אִיבֶּער בֶּעטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַז עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם

>>>

# חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים

## • אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם ׳דַף שִׁיעוּר׳ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

**הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי מְלַמְּדִים נָאכְ׳ן פַארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, בְּיוֹם י״ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן [הֶמְשֵׁךְ פוּן פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ].**

### כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה

מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער וִוי מֶער אֱמוּנָה. לֵיידֶער הֶער אִיךְ פוּן אִינְגֶעלַייט זָאגְן: ״**שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג וֶוען עֶס אִיז הֵייס, פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט אָנְצִינְדְן דֶעם עִירְקָאנְדִישָׁאן**?!״ – אִיךְ זָאג נָאר נָאךְ וָואס אִיךְ הֶער פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן אַזַא זַאךְ, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, פַארְוָואס טַאקֶע זָאל עֶר נִישְׁט אָנְצִינְדְן דֶעם עִירְקָאנְדִישָׁאן?! עֶר ווִיל שְׁלָאפְן אוּן אִיז הֵייס, עֶר שְׁוִויצְט, עֶר גֵייט אַרָאפּ פוּן זִינֶען. אִינְדֶערְפְּרִי הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט דִי מַעֲשֶׂה, ווַייל יֶעדֶער אִיז אוֹיסְגֶערוּט, אָבֶּער שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג וֶוען מֶען אִיז גוּט מִיד, אוֹיבּ אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה קֶען מֶען דוּרְכְפַאלְן אִין שְׁמִירַת שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (קיט, פו): ״**כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה**״, דֶער תַּכְלִית פוּן אַלֶע מִצְוֹת אִיז אַז מֶען זָאל דוּרְךְ דִי מִצְוֹת צוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה. בֶּאֱמֶת אִיז עֶס אוֹיךְ פַארְקֶערְט, דוּרְךְ ׳אֱמוּנָה׳ קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת, ווַייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְלֵיישִׁיג אוּן עֶר ווִיל טְרִינְקֶען אַ קַאוֶוע, אוֹיבּ אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה, טְרַאכְט מֶען: ׳**וֶוער קוּקְט? וֶוער ווֵייסְט וָואס אִיךְ טוּ?**׳ אוּן אַזוֹי אִיז עֶס מִיט אַלֶע מִצְוֹת.

דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, אַז ״**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא**״, ״**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט**״, ״**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט**״, אוּן ״**מֶען קֶען אִיבֶּער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**״.

### אַרַיין לֵייגְן דֶער וָוארְט ׳אֵייבֶּערְשְׁטֶער׳

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד הָאבּ אִיךְ אַלְץ גֶעזוּכְט וואוּ אִיךְ קֶען אַרַיין לֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי קִינְדֶער. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען קִינְדֶער הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט: ״**רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ לִיבּ פָּאנְטְשׁ**״, פְלֶעג אִיךְ זֵיי עֶנְטְפֶערְן: ״**אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!**״ אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶענִיצְט יֶעדֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט וואוּ אִיךְ קֶען נָאכְאַמָאל אַרַיין לֵייגְן דֶער וָוארְט ׳אֵייבֶּערְשְׁטֶער׳ אִין זֵייעֶר מֹחַ, אַז שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶועלְן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם וָוארְט ׳לִיבּ׳ זָאלְן זֵיי זִיךְ אֵייבִּיג דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט.

### דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען

מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ בָּרוּךְ׳ל פוּן מֶעזִיבּוּזְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַן אַכְסַנְיָא אוּן דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אוֹיךְ דוּרְךְ גֶעפָארְן דֶעם אַכְסַנְיָא, הָאט רֶבִּי בָּרוּךְ׳ל גֶעזָאגְט פַארְ׳ן בַּעַל אַכְסַנְיָא עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיין לָאזְן דֶעם קְדוּשַׁת לֵוִי ווַייל עֶר וֶועט אַלֶעס אִיבֶּער דְרֵייעֶן, אָבֶּער דֶער קְדוּשַׁת לֵוִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים יָא אַרַיין לָאזְן, הָאט מֶען אִים אַרַיין גֶעלָאזְט.

אִינְמִיטְ׳ן עֶסְן הָאט דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא גֶעפְרֶעגְט דִי גֶעסְט: ״**וֶועלְכֶע זוּפּ הָאט אִיר לִיבּ, אַ גֶעפֶּעפֶּערְטֶע זוּפּ, אָדֶער אַ גֶעזַאלְצְענֶע זוּפּ?**״ דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן פְלַאץ אוּן גֶעזָאגְט: ״**אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!**״ בְּשְׁעַת מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַזַא קְנַאק אוֹיפְ׳ן טִישׁ אַז דִי גַאנְצֶע טִישׁ הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶעדְרֵייְדְט. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּךְ׳ל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״**זֶעט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַארְאוֹיס גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים נִישְׁט אַרַיין לָאזְן, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן!**״

בַּיי דִי וֶועלְט דֶערְצֵיילְט מֶען דִי מַעֲשֶׂה אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַּדְלוּת פוּנֶעם צַדִּיק אַז עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעדְרֵייְדְט דֶעם טִישׁ, מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס אַזוֹי דְרַאמַאטִישׁ, אַז מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם; בַּיי אוּנְז נֶעמְט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה פָּשׁוּט, ׳**אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!**׳ אוּן אַפִילוּ מֶען הַאלְט נָאכְנִישְׁט דֶערְבַּיי זָאל מֶען כָאטְשִׁיג זָאגְן: ״**אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!**״

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שְׁמוּעֶס:** גֵייט עֶסְט פְרִישְׁטָאג אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

# הֶמְשֵׁךְ חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

## • ״גוּטֶע עֶלְטֶערְן״

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

פוּן דִי הַיינְטִיגֶע אֲסִיפַת הַהוֹרִים, אַלֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אַהֵיימְגֵיין צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, מֶען זָאל מֶער נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט יָא צֶעבְּרָאכְן אַ קִינְד זָאל מֶען אִים אִיבֶּער בֶּעטְן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד ״**זֵיי מִיר מוֹחֵל**״; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ.

### מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג

אָבֶּער מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין, מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג צוּ קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן פַאר אַ קִינְד ווַייל עֶר ווֵיינְט אַז עֶר דַארְף אַ דִי ווִי ד״ס, מֶען זָאגְט קְלָארֶע ווֶערְטֶער: ״**בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים קֶען מֶען נִישְׁט קוּקְן קַיין דִי ווִי דִי״ס**״, אוּן אַז דֶער קִינְד ווֵיינְט וַוייטֶער: ״**אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים אוּן שְׁכֵנִים קוּקְן יָא!**״ זָאגְט מֶען נָאךְ אֵיינְמָאל: ״**טַאטִי אוּן מַאמִי הַאלְטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט**״, אוּן דֶער נוֹשֵׂא אִיז פַארְמַאכְט, מֶען רֶעדְט מֶער נִישְׁט דֶערְפוּן, מֶען דַארְף נִישְׁט יֶעצְט אִיבֶּער בֶּעטְן דֶעם קִינְד, מֶען דַארְף אִים גָארְנִישְׁט פַארְגוּטִיגְן, מֶען דַארְף אִים גָארְנִישְׁט גֶעבְּן אַנְשְׁטָאט דֶעם.

### דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה

דֶער עִיקָּר ווִיל אִיךְ צוּלֵייגְן דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה; נָאר מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גוּטֶע טַאטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, בֶּעטְס: ״**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע**״, ״**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער**״, ״**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז פוּן מַיינֶע חַבֶר׳טֶעס וֶועל אִיךְ גָארְנִישְׁט הָאבְּן, פוּן גֵיין אַיינְקוֹיפְן יֶעדְן טָאג וֶועל אִיךְ גָארְנִישְׁט הָאבְּן, פוּן סָאוּשְׁל מִידְיֶע, פוּן אַרוֹיפְלֵייגְן בִּילְדֶער יֶעדֶע צְוֵוייטֶע סֶעקוּנְדֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פוּן מִיךְ וֶועל אִיךְ גָארְנִישְׁט הָאבְּן**״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין גוּטֶע וַוארֶעמֶע עֶלְטֶערְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִיזוּק שִׁיעוּר, פוּן מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן)

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מֶען רוֹדְפְט מַיינֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, אִיךְ לֶעבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ הֶערְלִיךְ לֶעבְּן מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן הֶערְלִיכֶע שִׁידוּכִים מִיט זֵיי. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם בְּרֵייט פַּרְנָסָה אוּן אַלֶעס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

לֶעצְטְנְס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַן אִינְצִידֶענְט אוּן דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דִי מֶענְטְשְׁן אִין מַיין גֶעגְנְט הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ רוֹדְפְן, דָאס וָואלְט מִיר נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁטֶערְט, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ וַוייטֶער; מֶען הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רוֹדְפְ'ן מַיינֶע קִינְדֶער, סֵיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי דִי מֵיידְלֶעךְ, אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע.

דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זֵיי דֶערְצֵיילְן וִוי מֶען רוֹדְפְ'ט זֵיי אוּן מֶען פַּיינִיגְט זֵיי אוֹיס אוּן דָאס מַאכְט מִיר גֶעפֶערְלִיכֶע צַעַר. אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ מַאכְן נַאס דֶעם קִישְׁן יֶעדֶע נַאכְט.

לֵיידֶער אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, נִישְׁטָא קַיין הַנְהָלָה אָדֶער רַבָּנִים וָואס זָאלְן זִיךְ צוּהֶערְן צוּ אוּנְזֶער וֵוייטָאג; וָואס זֶענֶען שׁוּלְדִיג מַיינֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער, אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי אַזוֹיפִיל אוּן מֶען גֶעבְּט זֵיי צוּנֶעמֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער...

בִּיטֶע הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מַיין מִשְׁפָּחָה וָואס גֵייט מַמָּשׁ צוּגְרִינְד, אוּן גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵויין וֶוען אִיךְ לֵיין דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין דָאס אַרִיבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ יְשִׁיבָה; פַאר צֶען יָאר צוּרִיק הָאט מֶען דָאס גֶעטוּן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט זֵיי גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן פַארְשֶׁעמְט, מֶען אִיז זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אִין דִי גַאסְן, דִי שְׁכֵנִים וְכוּ' הָאבְּן זֵיי נָאכְגֶעשְׁרִיגְן מִיט אַלֶע מִיאוּס'עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף זֵייעֶר טַאטֶע, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, נָאךְ מֶער פוּן אַלֶעס.

פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְצֵייל זֵיי וָואס מֶען טוּט מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן אַוַדַאי אָנְזָאגְן דִי תַּלְמִידִים אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט וואוּנְדְרִיג מַאכְן, זֵיי וֶועלְן זָאגְן אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ רוֹדְפְ'ן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אַרוֹיס נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אַזַא פְּלַאץ; אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד אִיז מְחַנֵּךְ זַיינֶע תַּלְמִידִים מִיט רִשְׁעוּת, צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער בַּיים סוֹף אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ דוּ גֶעהֶערְסְט, צוּ וֶועלְכֶע חֲסִידוּת וְכוּ'; אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן אַז דָא אִיז דָא אַ גֶעגְנְט וְכוּ' וואוּ מֶען הָאט פַאר דְרַייסִיג יָאר צוּרִיק מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען קִינְדֶער צוּ שְׁפֵּייעֶן אוֹיף קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי מֵיידְלֶעךְ אַז וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מֵיידְל וָואס גֵייט אִין דִי אַנְדֶערֶע שׁוּלֶע זָאל מֶען צִיעֶן אִירֶע הָאר אוּן שְׁרֵייעֶן מִיאוּס'עֶ וֶוערְטֶער. רוֹב פוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע הָאבְּן נֶעבֶּעךְ יֶענֶעם חַיִּים טוֹבִים.

דֶערְוַוייל לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אַ שְׁטַארְקֵייט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן קֵיינֶעם; אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁלָאגְט זֵיי, זָאלְן זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן מַכּוֹת רֶצַח, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם. זָאג זֵיי אָן אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט קוּמֶען שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי: "נְקָמָה", וַוייל מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער (סַנְהֶדְרִין עב.): "הַבָּא לְהָרְגְךָ הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ", דָאס הֵייסְט "סֶעלְף דִיפֶענְס" - וָואס אִיז נִישְׁט נְקָמָה; נְקָמָה מֵיינְט אַז אֵיינֶער הָאט מִיר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן טָאר אִיךְ אִים נִישְׁט צוּרִיק טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער אַז אֵיינֶער וִויל מִיר שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה זִיךְ צוּ לָאזְן שְׁלָאגְן.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם הֶיתֵּר צוּ טְשֶׁעפֶּען קִינְדֶער וֶועגְן דִי עֶלְטֶערְן; וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר "תּוֹרָה וְיִרְאָה", הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַרַיין נֶעמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע וֶועם אִימֶער; וֶוען עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הִיטְן נִישְׁט קַיין שַׁבָּת, אוּן זֵיי וִוילְן נִישְׁט אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען צוּזַאמֶען מִיט זֵיי, הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אִיר ווִילְט - נֶעמְט אַרוֹיס אַייעֶר קִינְד"... אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֶען זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס פַארְמָאגְן טֶעלֶעוִויזְשְׁן אִין שְׁטוּבּ, אוֹיף דִי אַלֶע טַעֲנוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיט דִי צַייט וֶועלְן דִי קִינְדֶער מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן"; עֶר הָאט בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן נִישְׁט גֶעלָאזְט מֶען זָאל אַרוֹיס וַוארְפְן אַ קִינְד וֶועגְן דִי עֶלְטֶערְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, צוּם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת - אַז מֶען טוּט וֵויי דַיינֶע קִינְדֶער; אֶפְשָׁר אִיז עֶס נִישְׁט מַמָּשׁ וִוי דוּ זָאגְסְט, אֶפְשָׁר זוּכְן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ טְשֶׁעפֶּען מִיט אַנְדֶערֶע, זֵיי מְבָרֵר וָואס גֵייט פָּאר, אוּן אוֹיבּ אִיז עֶס טַאקֶע אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט, זָאלְסְטוּ שׁוֹין אַרוֹיס נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אַזַא פְּלַאץ וָואס וֶועט סֵיי וִוי צֶעפַאלְן.

דִי הַנְהָלַת הַמּוֹסָד אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט אוּן דִי מוֹסָד הַאלְט זִיךְ בַּיים פַארְמַאכְן, הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֵיי גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אַ מוֹסָד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אַ מוֹסָד מַאכְט זִיךְ צוּ צוּלִיבּ מַחֲלוֹקֶת"; קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיין מִישְׁן אִין קַיין מַחֲלוֹקֶת, קִינְדֶער וָואס הֶערְן רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד וֶועלְן שְׁפֶּעטֶער אַוֶועק גֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט, מַחֲלוֹקֶת אִיז נִישְׁט גוּט פַאר קֵיינֶעם, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס פַאר קֵיינֶעם, סְפֶּעצִיעֶל פַאר קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק וָואס זָאל מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג): "הִנֵּה אָנֹכִי שׁוֹלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא וגו' וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם", אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם (עֵדֻיּוֹת, ח): "אֵין אֵלִיָּהוּ בָּא לֹא לְרַחֵק וְלֹא לְקָרֵב, אֶלָּא לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בָּעוֹלָם", אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען נָאר צוּ מַאכְן שָׁלוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט; אָמֵן.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב שנא)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876